# קיפּקע

שכונת ויואל משה

דיין לאקאלער ציקרל

letters@svmkipka.com • 845.682.1282

10

פרשת פנחס

Jun. 28 2026








קארסעיף: 24 שטונדן ארום די זייגער

845.512.5555

carsafe

# ווען קיינער זעט נישט...

מרת ל.



זייער אסאך מאל נאך א שווערן טאג אינדערהיים, ווען איך ערלויב זיך שוין ענדליך זיך אראפצוזעצן אביסל אפרוען די אויסגעמאטערטע קערפער, קומט מיר ארויף א מחשבה: אינטערעסאנט, ווען א מענטש טוט עפעס גרויס, שרייבט מען דערפון אין די צייטונגען, מענטשן רעדן דערוועגן, מען קלאפט אין פלייצע, און מען טיילט כבוד. אבער ווער שרייבט אין די נייעס וועגן א פרוי וואס איז נעכטן נאכט אויפגעשטאנען דריי מאל צו א וויינענדיג קינד? ווער דערציילט פון די מאמע וואס האט אוועק געגעבן איר גאנצן טאג כדי צו הערן איר קינד וויינען און זיך אפגעבן דערמיט? ווער ווייסט וויפיל מאל זי האט זיך איינגעביסן די ליפן נישט צו ענטפערן מיט כעס ווען אירע קינדער האבן איר אויפגערעגט? פארקערט, זי האט זיי דאן געגעבן נאך מער ליבשאפט?

קיינער... און אפשר דארף טאקע קיינער נישט...

די וואך אין פרשת פנחס זעען מיר א מענטש וואס האט געטון א מעשה וואס קיינער האט נישט געוואלט טון. ער האט נישט געווארט אויף אפלאדיסמענטן, און ער האט זיכער נישט געקוקט וויפיל "לייקס" ער וועט באקומען, ער האט פשוט געטון וואס כלל ישראל האט דעמאלטס גענדארפט. א אידישע מאמע לעבט מיט דעם זעלבן געדאנק, זאגט מיר מיין מח!

איר לעבן איז אנגעפילט מיט מעשים וואס וועלן קיינמאל נישט שטיין אויף א "פראנט קאווער". זי וועט קיינמאל נישט באקומען קיין מעדאל פארן געדולד וואס זי האט געהאט ווען אלע זענען געווען מיד, און מען וועט נישט מאכן קיין פייערליכע מסיבה פאר די טויזנטער מאל וואס זי האט זיך צופליקט ביי איר ארבעט, וואס זי טוט מיט א געוואלדיגע מסירות נפש.

אבער פונקט דארט ליגט איר גרויסקייט. די וועלט איז צוגעוואוינט צו מעסטן הצלחה לויט וויפיל מענטשן האבן געזען דיין מעשה, אבער די תורה לערנט אונז אז הצלחה ווערט געמאסטן לויט וויפיל דער אויבערשטער האט געזען.

א מאמע קען פארברענגען צוואנציג יאר אויפצובויען א קינד. עס גייט צושטייטליך, כמעט אומבאמערקט. יעדע ווארט, יעדע תפילה, יעדע מאל וואס זי זאגט: מיר זענען אידן, מיר טוען וואס דער אייבערשטער וויל, לייגט זי נאך א שטיין אינעם בנין.

יארן שפעטער קומען ארויס הונדערטער ערליכע נשמות פון איר שווערע הארעוואניע. טויזנטער און מיליאנען מצוות און מעשים טובים וועלן געטון ווערן א דאנק איר יעצטיגער ארבעט וואס קיינער זעט נישט. קיינער וועט אבער דאן נישט זען די יעצטיגע טויזנט קליינע החלטות פון דער מאמע, וואס האבן געמאכט דעם גרויסן מאמענט מעגליך.

אפשר איז דאס דער אמת'ער לימוד פון פרשת פנחס? נישט יעדע גרויסע מעשה קומט מיט א גרויסן רעש. אמאל ווערן די גרעסטע זאכן געטון אין א שטילן קאך, נעבן א קינדער בעטל, אדער דורך א פשוט'ן שמועס פון א מאמע מיט איר קינד. אט טאקע דארט, וואו קיינער קוקט נישט, ווערן צומאל געשריבן די שענסטע בלעטער אין דער געשיכטע פון כלל ישראל!



The fastest route to your door.



faigyporgesz.com

קינדער, העלפט אונזער דרייווער און געווינט!

FUNTAZZ

**We know the quickest route to you. Think you do, too?** Guide the Blooming Grove Pharmacy driver through the maze for a chance to win a $25 Funtazz gift card!

SEND US YOUR MAZE TO ENTER THE RAFFLE:

1) Drop off at Blooming Grove Pharmacy or Funtazz
2) Hand to our driver when he delivers your order
3) Whatsapp a picture to 845.775.4175
4) Fax to 845.775.4185

**Name** ____________________

**Phone** ____________________

**Email** ____________________

The raffle will be held on Monday, July 6 כ"א תמוז

שמואל יוסף זאלדאן

Blooming Grove PHARMACY

FAST, FREE DELIVERY EVERY DAY UNTIL CLOSING

**Call/Text / WA 845.775.4175**
**Fax:** 845.775.4185
1200 Rt 208 Monroe, NY 10950

**Store Hours:**
Sun - Thurs 9 AM - 9 PM
Friday 9 AM - zman

# שכן צו שכן

## "הארלעם אדער קרית יואל?"

ערב שבת א שעה פאר'ן זמן האבן מיר באקומען א "שיינע מתנה" - א גרויסן שטיין אריין אין אונזער הויז... מיט דעם וויל איך אויפמערקזאם מאכן אלע עלטערן וועמענס קינדער שפילן זיך אין גאס פרייטאג נאכמיטאג. מיר וואוינען אויף באר שבע גאס, און איך האב באמערקט ווי א גרופע יונגלעך באזוכן אונזער בעיסמענט. נאכדעם וואס איך האב זיי פארטריבן פון דארט, זענען זיי געווארן זייער אנגעהיצט אויף די פרוי וואס וואגט זיך צו שטערן זייערע שפילערייען...

אינמיטן די לעצטע הכנות צו שבת האבן מיר געהערט א שטארקן זעץ וואס איז געקומען פון נעבן די טיר! ווי דערשראקן זענען מיר געווען צו זען א גרויסן שטיין וואס איז אריינגעשאסן געווארן דורך די קינדער וואס האבן געעפנט די טיר! מיר האבן געהאט גרויסע ניסים, ווייל מיין בעיבי האט זיך דארט געדרייט און עס וואלט געקענט זיין ממש דאס פלאץ וואו דער שטיין האט געלאנדעט.

ביטע, טייערע עלטערן, איך פארשטיי אז איר זענט פארנומען מיט די הכנות צו שבת און איר זענט רואיג אז די יונגלעך שפילן זיך אין גאס, אבער זייט אויפמערקזאם וואו אייערע קינדער דרייען זיך און מיט וואס זיי זענען פארנומען.

**משפחת ג.**

*נ.ב. עס איז געווען א גרופע פון 5-6 יונגלעך וואס די רוב פון זיי ווייס איך נישט זייערע נעמען, איז קען גאר זיין אז עס איז געווען אייער יונגל. פליז נעמט עס נישט לייכט!*

איך לאז איבער א מעסעדזש אריינצולייגן אינעם "קופקע" פאר די וואס זוכן א מנין שבת פאר סוף זמן תפילה. אין בית המדרש ספינקא אויף 2 באר שבע איז דא א מנין יעדן שבת אינדערפרי 8:30, וואס איז זייער געאייגנט פאר די וואס זענען מדקדק צו דאווענען פאר סוף זמן תפילה כדת וכדין.

אזוי אויך איז כדאי צו וויסן, אז אויב איינער פארשלאפט - ספעציעל אין די זומער שבתים - שטעלט זיך דארט אויך א צווייטע מנין 11:30, וואו ווער עס איז אן אונס און איז פארשלאפן קען דארטן דאווענען מיט א מנין.

ב"ה די שכונה איז גרויס און עס זענען דא פיל שמחות קע"ה; השי"ת זאל העלפן עס זאל זיך נאר מערן. עס זענען דא דא זייער גוטע אידן וואס געבן אוועק פון זייערע הייזער און זענען מקיים מצוות הכנסת אורחים מיט'ן האבן שטיבער פאר געסט וואס קענען דארט איינשטיין, ווען עס קומען פרעמדע מענטשן צו א שמחה דא אין געגנט.

צוליב די פארמערטע צאל שמחות איז שוין איינגעשטעלט געווארן אז מען מוז בוקן די הכנסת אורחים שטיבער גענוג פרי, אפילו עטליכע חדשים פאר די שמחה, כדי צו פארזיכערן אז די געסט זענען באקוועם פלאצירט.

עס מאכט זיך אבער אז עס קומען אריין טוישונגען, ווען געוויסע געסט קענען למעשה נישט קומען צו די שמחה. מיר בעטן אז מען זאל כאטש נעמען די מי און איינמעלדן פאר די הכנסת אורחים אייגנטומער אז זיי קומען נישט למעשה, כדי מען זאל נישט דארפן אנגרייטן









# סופר סת"ם

ס"ת, מזוזות, מגילות, קטורת, תפלין, רצועות, בתים

ספעציעלע
סערוויס: אייער
בחור'ל קען מיטהאלטן
די פראצעדור פון
מאכן די תפלין

**יואל מארקאוויטש**
**845-324-0063**
תושב שכונות ויואל משה

# שכן צו שכן

אומזיסט, וואס איז צומאל א שטארקע טירחה. אזוי אויך זענען דא געסט פון די לעצטע מינוט וואס וואלטן געקענט נוצן דעם שטוב, אויב מען ווייסט אז עס איז געווארן צוריק עוועילעבל.

מיר האבן שוין צוויי מאל געהאט זייער שטארקע עגמת נפש; מיר האבן שיין אנגעגרייט א געשמאקע הכנסת אורחים און אפגעזאגט אנדערע מענטשן ווייל איינער האט עס שוין געבוקט, אבער למעשה זענען זיי נישט אנגעקומען.

ביטע אריינלייגן מיין מעסעדזש. א גרויסן ישר כח.

אויב מען קען אפשר אריינלייגן דאס פאלגנדע אין די "שכן צו שכן" קאלום, כדי מענטשן זאלן נעמען אין אכט: אין די נייע בילדינגס אין שכונת ויואל משה מיינען טייל מענטשן אז די הינטערשטע זייט פון די געביידעס איז סתם א בעקיארד, אבער באמת וואוינען דארטן אויך מענטשן...

מען דארף שטארק אכטונג געבן ווען מען גיסט אויס א פול (pool), אז מען זאל עס נישט אויסגיסן אלעס מיט אמאל. עס דרייען זיך דארט קינדער און עס קען זיין זייער געפערליך, אויסער דעם וואס עס ווערט דארט א גאנצע בלאטע.

ווען מען גיסט אויס א פול זאל מען זען עס צו טון מיט פארזיכטיגקייט. געווענליך קומט א פול מיט א שטאפער. מען דארף עפענען דעם שטאפער אז דאס וואסער זאל אראפגיין צוביסלעך און נישט אויפאמאל, כדי עס זאל נישט צוקומען צו קיין סכנות.

ווי אויך דארף מען אכטונג געבן נישט ארויסצווארפן קיין שמוץ פון די פארטשעס.

מענטשן וואוינען דארט אונטן און עס ווערט פשוט אנגעלייגט מיט מיסט. מענטשן זאלן זיך אריינלייגן אין קאפ אז דאס איז נישט קיין ליידיגע בעקיארד נאר א וואוינארט, און עס איז זייער אומבאקוועם. קיינער וויל נישט האבן שמוציגע ווענט אין זיין הויז וואס קומט פון די אויבערשטע שכנים.

יישר כח.

לכבוד עורכי ה"קופקע", כל אחד בשמו יבורך.

עס איז מיר א הנאה און א קורת רוח צו זען אין "קופקע" אז מיר האבן ערנסטע שכנים, תושבים יראי השם, וואס זוכן צו דאווענען יעדן טאג מיט'ן סוף זמן תפילה, אפילו שבת קודש. עס איז א פארגעניגן צו זען אז אפילו אין יאר 2026, אין אזעלכע שווערע צייטן פון עקבתא דמשיחא, זענען נאך דא אינגעלייט וואס זוכן צו זיין מדקדק בקלה כבחמורה.

אז עס זענען דא אזעלכע הייליגע אינגעלייט, גלייב איך אז עס וואלט כדאי געווען צו אראנזשירן עפעס וואס מיר זוכן שטארק און וואלטן געווען א חלק דערפון אויב עס ארבעט זיך אויס: א מנין תפילת מעריב במתינות. מעריב איז דאך אזא תפילה קדושה, די לעצטע תפילה פונעם טאג, אט פאר מען גייט צוריקגעבן די נשמה איבער נאכט פאר הקב"ה. אזעלכע לעכטיגע ווערטער וואס מען זאגט ביי מעריב. הלוואי וואלט געווען דא אינעם געגנט א מנין מעריב וואס דאווענט במתינות און מיט איידלקייט, וואס זאל נעמען כאטשיג א האלבע שעה, ווי ריכטיגע חסידים ואנשי מעשה.

בתודה ובקשה לפרסם, ויהא חלקכם ממזכי הרבים שאין חטא בא על ידם.






**EZ Shopping 845 248 9626**

| | Luvs $50 | Pampers Baby Dry $65 | Pampers Swaddlers $65 | Huggies $60 | Parents Choice $55 | Mama Bear $40 |
|---|---|---|---|---|---|---|
| 1 | 294 | 242 | 198 | 256 | 412 | 196 |
| 2 | 264 | 220 | 186 | 222 | 384 | 184 |
| 3 | 324 | 210 | 168 | 210 | 336 | 168 |
| 4 | 198 | 186 | 150 | 180 | 308 | 148 |
| 5 | 172 | 164 | 132 | 156 | 258 | 132 |
| 6 | 144 | 144 | 108 | 124 | 212 | 108 |

**We also do all kind of online shopping,**
**we are specialized in finding the best price on**
**Diapers, Pull ups and Detergents**

ברויט פאר א נויט!

# שיקטס רעסיטס און געווינט!

## א געווינס ספעציעל פאר **שכונת ויאל משה!**

יעדע "האָל-וויט" ברויט וואס איר קויפט פארן שטוב איז א **פרישע געלעגנהייט איינצוהאנדלען א טיקעט אין די גורלות**

**$300 גיפט סערטיפעקאט ביי** ______ **ELEGANT HOME & GIFTS**

**$200 גיפט סערטיפעקאט ביי** ______ **TOYS TO DISCOVER**

**$100 גיפט סערטיפעקאט ביי** ______ **EATALY DAIRY**

**$100 גיפט סערטיפעקאט ביי** ______ **HAVEN TOAST**

**וויפיל פעקלעך ברויט, אזויפיל טיקעטס ביי** ______ **HOOPLA**

**די גורלות וועלן פארקומען בעז"ה דינסטאג פרשת עקב תשפ"ו**




**שיקט אריין אייערע רעסיטס** מיט
**"בינער'ס ברויט"** דערויף און **געווינט!**

*Recipt need to have, store info, name, biener's, and date.

**וויאזוי שיקט מען אריין די רעסיטס?** אימעיל: **promo@thebbinc.com** טעקסט/פיקטשער: **405.970.0036** דורך די פאסט: **Bieners Bakery, 51 Forest Rd. 316-225, Monroe NY 10950**

WIC approved




# א שאלה צום דיין

געפרעגט דורך תושבי השכונה,
**געענטפערט דורך רבי דוד גרינפעלד שליט"א,**
דומ"ץ ביהמ"ד ישראל שלום בשכונותינו

## שאלה

קע"ה דא אינעם שכונה איז דא אסאך קינדער אויפ'ן גאס שבת נאכמיטאג. איך וויל האבן אן עונג שבת מיט'ן שלאפן און זיי די קינדער ווילן האבן אן עונג שבת מיט'ן שפילן אויפ גאס...

מעג מען אנשטעלן א שלאף מאשין פאר שבת נאכמיטאג, אז עס זאל נישט שטערן די נויז פון די קינדער אויפ'ן גאס?

## תשובה

יא.




$25 COUPON
towards your next session!
F. Deutsch
faigydeutsch.com
347-587-0839
EXP: 12/03
5469872614



MARY KAY
come match your color to get a free cosmetic bag!
Free mini perfume with any purchase!!!
Free delivery no minimum. call or txt your order
845-662-5192 SVM

# ווי אזוי ווערט למעשה באשאפן א קאנדא באורד?

UTMOST MANAGEMENT

אויב איר האט אמאל געהערט ווי איינער זאגט: "די באורד האט באשלאסן"... קען מען מיינען אז ער רעדט פון עפעס א סודות'דיגן קאבינעט וואס זיצט אין א פארמאכטן צימער מיט גרויסע שלעסער... אבער דער אמת איז אסאך פשוט'ער.

א קאנדא-באורד איז נישט קיין "מלוכה", און די מיטגלידער באקומען אויך נישט קיין קרוין ווען זיי ווערן אויסגעוועלט. זיי זענען פשוט די פארטרעטער פון אלע איינוואוינער אינעם דעוועלאפמענט, וועלכע נעמען אויף זיך די אחריות צו פירן די געמיינזאמע ענינים לטובת אלע איינוואוינער.

וויבאלד א קאנדא-דעוועלאפמענט איז א געמיינזאמע שותפות פון אלע איינוואוינער, איז נאר פארשטענדליך אז די וואס פירן דעם פלאץ זאלן אויך ווערן אויסגעקליבן דורך די איינוואוינער אליין.

אין א נייעם דעוועלאפמענט איז דאס אבער נישט אלעמאל אזוי. אין די ערשטע תקופה, ווען מען בויט נאך און נאר א טייל דירות זענען שוין פארקויפט, פירט בדרך-כלל דער דעוועלאפער די קאנדא. עס איז פשוט נאכנישט דא גענוג איינוואוינער אדער א מסודר'דיגע סטרוקטור צו שטעלן א פולשטענדיגע באורד.

אבער ווי נאר מער און מער משפחות ציען זיך אריין, און דער דעוועלאפמענט הייבט אן באקומען דעם טעם פון א קהילה, קומט די צייט אז די איינוואוינער נעמען איבער די אחריות.

אין אסאך פלעצער ווערן דאן אפגעהאלטן וואלן, וואו יעדער איינוואוינער קען שטימען פאר די קאנדידאטן וואס ער האלט זענען די פאסיגסטע. אין געוויסע דעוועלאפמענטס ווערט עס דורכגעפירט דורך א מיטינג, וואו מען קומט צו א פארשטענדניש ווער עס זאל טראגן די אחריות.

עס האט זיך ארויסגעשטעלט דער פאקט, אז ווער זענען בדרך כלל די מענטשן אויפן באורד? נישט דווקא די וואס האבן די מערסטע פרייע צייט... נאר אסאך מאל זענען דאס טאקע די וואס זענען גרייט אוועקצוגעבן פון זייער אייגענער צייט פארן ציבור. פירן א דעוועלאפמענט מיינט זיך אפגעבן מיט בודזשעטן, קאנטראקטארס, שכנים, שאלות, בקשות, און יא... אמאל אויך מיט צוויי שכנים וואס יעדער איז זיכער אז דווקא ער איז גערעכט...

א גוטער באורד ווייסט אז זייער תפקיד איז נישט צו געווינען יעדן וויכוח, נאר צו האלטן א סדר וואס איז גוט פארן כלל. הערן אלע צדדים, טראכטן מיט אחריות, און נעמען באשלוסן וואס וועלן דינען דעם גאנצן דעוועלאפמענט.

ווען א באורד ארבעט מיט אחריות, יושר און גוטע קאמיוניקאציע, שפירט מען דאס אינעם גאנצן דעוועלאפמענט. די געמיינזאמע פראפערטי ווערט גוט אויפגעהאלטן, פראבלעמען ווערן באהאנדלט, און דאס וואוינען אין קאנדאו ווערט פיל געשמאקער.

***

**האט איר סיי וועלכע שאלה צו די מענעדזשמענט קאמפאני?**

שיקט אונז אייער שאלה אויף:

**questions@utmostmanagement.com**

בעזרת השם וועלן מיר פון צייט צו צייט אויסקלייבן שאלות פון די איינוואוינער און זיי באהאנדלען אין די קומענדיגע ארטיקלען.



# אינטערוויו

אינטערוויו מיט ביזנעס
אייגנטומער פונעם געגנט

## אינטערוויו מיט
## יוסי כ"ץ גרינדער פון RENT A BED

**פראגע:** א גוטן יוסי, וויאזוי איז געבוירן געווארן דער געדאנק פון Rent A Bed?

**ענטפער:** עס האט זיך אנגעהויבן ווען איך האב געזען ווי אסאך משפחות האבן געסט אויף שבתים, יום טוב, שמחות אדער סתם. יעדער זוכט נאך א בעט, אבער קויפן א בעט פאר בלויז עטליכע טעג א יאר איז נישט פראקטיש. אזוי איז אויפגעקומען דער געדאנק - פארוואס נישט קענען רופן איינעם, באקומען א ריינע, באקוועמע בעט, און נאכדעם לאזן עס אפנעמען ווען מען איז פארטיג?

**פראגע:** פאר וועמען איז דער סערוויס בעיקר?

**ענטפער:** כמעט פאר יעדן. משפחות מיט שבת-געסט, יום טוב, בר מצוות, שבע ברכות, עלטערן אדער קינדער וואס קומען אויף באזוך, אדער ווער עס דארף א צייטווייליגע שלאף-פלאץ. אזוי אויך פארדינגען מיר סעטס פון לינען, אזוי אז דאס מאכן גרייט די בעט פאר געסט איז אויף אונז.

**פראגע:** וואס זענען די מעלות פון אייער פירמע?

**ענטפער:** סערוויס. איך וויל אז א קאסטומער זאל קענען רופן און באשטעלן און זיין רוהיג אז אלעס וועט אנקומען צייטליך, ריין און אין א גוטן צושטאנד. ווען מענטשן האבן געסט, האבן זיי שוין גענוג זאכן צו טראכטן. די בעטן זאלן זיין דער קלענסטער דאגה.

**פראגע:** עפעס וואס מענטשן ווייסן נישט?

**ענטפער:** יא. אסאך מענטשן מיינען אז א פאלדינג בעט איז נישט באקוועם. די אמת'ע זאך איז אז אונזערע בעטן זענען הויך-קוואליטעט, שטארק און זייער באקוועם. מענטשן זאגן אונז אפט אז זייערע געסט זענען געשלאפן בעסער ווי ביי זיי אינדערהיים...

**פראגע:** וויאזוי קען מען אייך באשטעלן?

**ענטפער:** זייער פשוט. רופט 845.898.2749, זאגט וויפיל בעטן איר דארפט און פאר וועלכע טעג, און מיר נעמען קעיר פון די איבעריגע. אונזער ציל: מיר ווילן אז אייערע געסט זאלן האבן א גוטע נאכט'ס שלאף, און איר זאלט האבן פולע רואיגקייט.



# ווערטער און געדאנקען

אויפ'ן "תורתך שעשועי" שיעור

**ט) סוכה דאורייתא לא צריכה חיזוק, מחיצות דרבנן צריכין חיזוק.**

אפשר קען מען זאגן א שיינעם רמז: סוכה דאורייתא - ווען א איד לערנט מסכת סוכה, א מסכתא וואס איז בדרך כלל גרינג און געשמאק צו לערנען, לא צריכה חיזוק. מען דארף נישט אזויפיל חיזוק צו לערנען מסכת סוכה, עס ציט אליין דעם מענטש.

אבער "מבוי" - דאס קען מרמז זיין אויף מסכת עירובין, וואס באהאנדלט די הלכות פון מחיצות און עירובין. די מסכתא איז שוין פיל טיפער און שווערער. "דרבנן צריכין חיזוק" - רבנים דארפן האלטן דרשות חיזוק, ווייל מען דארף מער התחזקות, מער התמדה און מער סבלנות כדי זוכה צו זיין צו פארשטיין אירע סוגיות.

**י) מחיצות דלא הילך עביד. רש"י: כלומר המהלך אינו מביט למעלה.**

רש"י ערקלערט אז דער טעם פארוואס א מחיצה העכער צוואנציג אמות איז נישט קיין היכר, ווייל א מענטש וואס גייט אויף דער גאס קוקט בדרך כלל נישט ארויף, נאר גראד אדער אראפ. רש"י הקדוש לערנט אונז דא א לימוד אין שמירת עינים. אז ווען א איד גייט אין גאס, דארף ער נישט אויפהייבן זיינע אויגן.

**י"א) והרוצה לעשות כדברי בית שמאי עושה. והרוצה לעשות כדברי בית הלל עושה.**

פארוואס ברענגט די גמרא דווקא דא דעם ביישפיל פון די מחלוקת צווישן בית שמאי און בית הלל? מען וואלט דאך געקענט ברענגען אסאך אנדערע תנאים וואס זענען זיך מחולק?

אפשר קען מען זאגן, לויט וואס מיר לערנען אין מסכת אבות: "איזו היא מחלוקת לשם שמים? זו מחלוקת הלל ושמאי". די גמרא וויל דווקא ברענגען דעם ביישפיל פון א מחלוקת לשם שמים. דער לימוד איז, אז אפילו ווען עס זענען דא צוויי וועגן, דארף דער גאנצער צוגאנג זיין לשם שמים, אזוי ווי ביי הלל און שמאי, וואו די גאנצע מחלוקת איז געווען בלויז כדי דערגיין דעם אמת.

**י"ב) אזל רב ששת קם אבבא א"ל גדא פוק תא נפק ואתא.**

עס שטייט נישט אז רב ששת האט אים ארויסגענומען מיט די הענט, נאר ער האט אים פשוט געזאגט: "גדא פוק", (גיי ארויס).

וויבאלד רב ששת איז געווען א סגי נהור, האט ער נאר געקענט רעדן און הייסן אז ער זאל ארויסגיין. א מענטש דארף פרובירן צו טון דאס וואס עס ליגט אין זיינע כוחות צו טון יענע מינוט כדי אויסצופירן און צו ראטעווען.

***

די מפרשים פרעגן גראדע: וויאזוי האט גדא בכלל געקענט ארויסגיין? פארוואס האבן די שומרים פונעם ריש גלותא – וואס האבן אים ארעסטירט – אים נישט אפגעשטעלט ביים ארויסגיין?

דער מאירי ענטפערט: די סיבה פארוואס מען האט אים ארעסטירט איז געווען ווייל זיי האבן געמיינט אז ער האט מדעת עצמו אראפגענומען דעם עירוב, ער האט געטון א מעשה מחאה אויף די אייגענע האנט. אבער ווי נאר זיי האבן געזען אז רב ששת שטעלט זיך צו זיין זייט, דאס הייסט אז גדא האט למעשה דאס געטון בהוראות רבו, לויט זיין רבי'ס פסק הלכה וואס האט אים געהייסן עס אראפנעמען, האבן זיי פארשטאנען אז ער האט יא געהאט דעת תורה, און דערפאר האבן זיי אים באפרייט.

דער מהרש"א ענטפערט, אז דא איז פשוט געשען א נס און זיי האבן זיך דערשראקן פון רב ששת.



# קלאסיפייד


Limited slots available in a small,
homey, steady babysitting.
Monday to Friday.
**12 Austra.**
Many happy references.
**329.236.3412**
ג. פריעד (ווייס)
Drop ins are welcomed

Beutifull 5 room walk in
on 20 austra
for rent
great price
ready to move in.
**845.637.9457**




**Expert Appliance Repair**
**Refrigerators, Ovens, Dryers מיר פארעכטען**
**רופט דעם עקספערט מיט אסאך יארן עקספיריענס!**
**718.483.4817**
י. ב. לעווי




**Care by Scher**
**PlayGroup**
To Request childcare
Voucher application Call
845-615-5452 or via email at
dfa5a33.sm.ChildCare@dfa.state.ny.us.
Tax credit program
**718-701-7097**
Perquity.com
To contact Care By Scher
Playgroup
**845-641-7381**




בקיצור, א קאר סערוויס פאר פעקלעך.

845.666.8455

swifly
On Demand Messenger